# גליון היכל הקודש

ווערכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

יום טוב סוכות, שנת תשפ"ב לפ"ק

שנה 11, גליון 3 (518)


**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות..................6:38
מוצאי יו"ט......................8:53

**שיעורים כסדרן**
נ"ך........דברי הימים-א י"ד-ט"ו
בבלי...........................ביצה כ"א
ירושלמי......................נזיר כ"ז
תוספתא..................יום טוב א'
רמב"ם..........שמיטה ויובל י"ב

## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

**כָּל הָאֶזְרָח בְּיִשְׂרָאֵל יֵשְׁבוּ בַּסֻּכֹּת, לְמַעַן יֵדְעוּ דֹרֹתֵיכֶם כִּי בַסֻּכּוֹת הוֹשַׁבְתִּי אֶת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל בְּהוֹצִיאִי אוֹתָם מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אֲנִי ה' אֱלֹקֵיכֶם.**

חֲזַ"ל זָאגְן (פְּסָחִים קט"ז:) "בְּכָל דוֹר וָדוֹר חַיָּיב אָדָם לִרְאוֹת אֶת עַצְמוֹ כְּאִילוּ הוּא יָצָא מִמִּצְרַיִם", אִין יֶעדְן דוֹר דַארְף יֶעדֶער אִיד זִיךְ בַּאטְרַאכְטְן אַזוֹי וִוי עֶר אַלֵיין אִיז אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם, דָאס שְׁטֵייט בַּיי יוֹם טוֹב פֶּסַח, אָבֶער בֶּאֱמֶת אִיז דִי זֶעלְבֶּע אוֹיךְ בַּיי יוֹם טוֹב סוּכּוֹת, וַוייל גְלַייךְ וֶוען דִי אִידְן זֶענֶען אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זֵיי אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיט דִי וָואלְקֶענֶעס, מִיט דִי עֲנָנֵי הַכָּבוֹד, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זֵיי אָפְּגֶעהִיטְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס, אוּן דָאס אִיז וָואס פַּאסִירְט נָאכְאַמָאל אִין יֶעדְן דוֹר מִיט יֶעדְן אִיד, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נֶעמְט אַרוֹיס יֶעדְן אִיד פוּן זַיין מִצְרַיִם, פוּן זַיינֶע עֶנְגְשַׁאפְטְן, וִוי חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה ט"ז, ד') אַז אַלֶע גָלֻיוֹת וֶוערְן אָנְגֶערוּפְן מִיטְ'ן נָאמֶען מִצְרַיִם, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נֶעמְט אוּנְז אַרַיין אוּנְטֶער זַיינֶע פְלִיגְלֶען אוּן הִיט אוּנְז אָפּ פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן; דֶערְפַאר זָאגְט אוּנְז דֶער פָּסוּק "לְמַעַן יֵדְעוּ דֹרֹתֵיכֶם", דָאס דַארְף מֶען גֶעדֶענְקֶען אִין יֶעדְן דוֹר, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט אוּנְז אַלֶעמָאל, מִיר דַארְפְן זִיךְ נָאר וֶוענְדְן צוּ אִים אוּן אִים בֶּעטְן זַיין הִילְף, אוּן עֶר וֶועט אוּנְז אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן אוּנְזֶער גָלוּת מִצְרַיִם, יֶעדֶער פוּן זַיין פֶּערְזֶענְלִיכֶע גָלוּת מִיט וָואס עֶר מוּטְשֶׁעט זִיךְ, אוּן אוּנְז אַרַיינְנֶעמֶען אִין זַיין סוּכָּה, אוּנְז אָפְּהִיטְן קֵיינֶער זָאל אוּנְז נִישְׁט קֶענֶען שְׁלֶעכְטְס טוּן.

וִוי אַזוֹי קֶענֶען מִיר זוֹכֶה זַיין צוּ דֶעם? וִוי אַזוֹי קֶענֶען מִיר אַרוֹיסְגֵיין פוּן אַלֶע אוּנְזֶערֶע צָרוֹת אוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען? דָאס אִיז נָאר דוּרְךְ אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה. וֶוען אַ אִיד רֶעדְט אַסַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, עֶר גֵייט אִין אַ ווִינְקֶל, קֵיינֶער זָאל נִישְׁט מִיטְהַאלְטְן וָואס עֶר טוּט, אוּן עֶר דֶערְצֵיילְט אוֹיס פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ אַלֶעס וָואס גֵייט אוֹיף אִים אַרִיבֶּער, עֶר שְׁמוּעֶסְט זִיךְ אוֹיס מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי וִוי עֶר וָואלְט זִיךְ אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט מִיט אַ נָאנְטֶער חַבֵר, מִיט אַן אֱמֶת'עֶר גוּטֶער פְרַיינְט, דַאן הוֹיבְּט עֶר אָן צוּ בַּאקוּמֶען אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט אִים אַז עֶר דְרֵייט זִיךְ אַרוֹיס פוּן אַלֶע זַיינֶע שְׁוֶוערִיקֵייטְן אוּן יִסוּרִים, אוּן אֲפִילוּ דִי זַאכְן וָואס גֵייעֶן אִים נִישְׁט וִוי עֶר ווִיל, וֵוייסְט עֶר אַז דָאס קוּמְט אוֹיךְ נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן סְ'אִיז זִיכֶער פַאר זַיין טוֹבָה, אוּן אַזוֹי וֶוערְט עֶר מַמָּשׁ אוֹיסְגֶעלֵייזְט פוּן זַיין גָלוּת, עֶר הָאט אַן אֱמֶת'עֶ גְלִיקְלִיכֶע אוּן פְרֵיילִיכֶע לֶעבְּן.

דָאס עֶנְדִיגְט דֶער פָּסוּק צוּ, אֲנִי ה' אֱלֹקֵיכֶם, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ד') אַז דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגָה אִיז צוּצוּקוּמֶען אַז סֵיי דֶער נָאמֶען ה', וָואס דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף חֶסֶד וְרַחֲמִים, אוּן סֵיי דֶער נָאמֶען אֱלֹקִים, וָואס דָאס אִיז דִינִים אוּן גְבוּרוֹת, בֵּיידֶע זֶענֶען נָאר גוּטֶע זַאכְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַלֶעס אִיז נָאר רַחֲמִים וַחֲסָדִים.

וֶוען מְ'זִיצְט אִין דִי סוּכָּה, אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין, אִיז דִי רִיכְטִיגֶע צַייט צוּצוּקוּמֶען צוּ דִי אַנֶערְקֶענוּנְג אַז סְ'אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט אוֹיסֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, סֵיי וֶוען סְ'גֵייט גוּט פַארְ'ן מֶענְטְשׁ, אוּן סֵיי וֶוען סְ'גֵייט אִים נִישְׁט גוּט, אִיז אַלֶעס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין, אֲנִי ה' אֱלֹקֵיכֶם.

וֶוען מְ'הָאט אַזַא שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, דַאן אִיז מֶען אַלֶעמָאל פְרֵיילִיךְ אוּן צוּפְרִידְן, דֶעמָאלְט קֶען מֶען רִיכְטִיג מְקַיֵּים זַיין דֶעם פָּסוּק וְשָׂמַחְתָּ בְּחַגֶּךָ וְגוֹ' וְהָיִיתָ אַךְ שָׂמֵחַ, מְ'וֶוערְט אֱמֶת'דִיג פְרֵיילִיךְ, מְ'אִיז ווִירְקְלִיךְ צוּפְרִידְן סֵיי וִוי אַזוֹי עֶס גֵייט נָאר.

לָאמִיר אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר זָאלְן הָאבְּן אַ רֵיינֶע אוּן קְלָארֶע אֱמוּנָה, ווִיסְן קְלָאר אַז יֶעדֶע רִיר אוֹיף דֶער וֶועלְט אִיז נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין, אוּן אַלֶעס אִיז נָאר פַאר אוּנְזֶער טוֹבָה, דַאן וֶועלְן מִיר וֶוערְן אוֹיסְגֶעלֵייזְט פוּן גָלוּת, אוּן זוֹכֶה זַיין צוּ דָאס בֶּעסְטֶע אוּן שֶׁענְסְטֶע, סֵיי בְּרוּחָנִיוּת אוּן סֵיי בְּגַשְׁמִיוּת.

(תּוֹךְ הַנַּחַל שַׁבָּת חוֹל הַמּוֹעֵד סוּכּוֹת תשע"ב)

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### דִי הֵיילִיגֶע סוּכָּה

דִי מִצְוָה פוּן סוּכָּה אִיז גָאר אַ סְפֶּעצִיעֶלֶע מִצְוָה, מֶער פוּן אַנְדֶערֶע מִצְוֹת. אַ אִיד גֵייט אַרַיין אִין דִי סוּכָּה מִיט זַיין גַאנְצֶען גוּף, מִיט אַלֶע קְלֵיידֶער אוּן מִיט דִי שִׁיךְ, מְ'עֶסְט אוּן מְ'טְרִינְקְט אִין דִי סוּכָּה, מְ'שְׁלָאפְט אִין דִי סוּכָּה, אוּן דִי אַלֶע זַאכְן זֶענֶען אַ חֵלֶק פוּן דִי מִצְוָה פוּן סוּכָּה, דִי אַלֶע זַאכְן הָאבְּן דִי קְדוּשָּׁה פוּן דִי הֵיילִיגֶע סוּכָּה.

וֶוען אַ אִיד זִיצְט אִין דִי סוּכָּה אִיז עֶר אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן פוּן אַלֶע זַייטְן, דֶערְפַאר דַארְף מֶען זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ וֶוען מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ זַיין אִין דִי סוּכָּה. יֶעדֶעס מָאל מְ'גֵייט אַרַיין אִין דִי הֵיילִיגֶע סוּכָּה, מְ'עֶסְט אִין דִי סוּכָּה, מְ'שְׁלָאפְט אִין דִי סוּכָּה, הָאט מֶען נָאךְ אַ מִצְוָה, וִוי אִיז נָאךְ דָא אַ גֶעשְׁמַאקֶערֶע זַאךְ פוּן דֶעם?

וֶוען אַ אִיד וֵוייסְט אַז וֶוען עֶר זִיצְט אִין דִי סוּכָּה, זִיצְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דָארְט מִיט אִים, וֶועט עֶר זִיכֶער אוֹיסְנוּצְן דִי צַייט זִיךְ דוּרְךְ צוּ רֶעדְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער פָּסוּק זָאגְט (יְשַׁעְיָה כ"ו, כ') "לֵךְ עַמִּי בֹּא בַחֲדָרֶיךָ וּסְגֹר דְּלָתְךָ בַּעֲדֶךָ, חֲבִי כִמְעַט רֶגַע עַד יַעֲבָר זָעַם", וֶוען אַ אִיד זִיצְט אִין דִי סוּכָּה אִיז עֶר אַיינְגֶעשְׁפַּארְט אִין אַ צִימֶער מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין, יֶעדֶעס וָוארְט וָואס עֶר רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין דִי סוּכָּה וֶוערְט אוֹיסְגֶעהֶערְט אוּן אָנְגֶענוּמֶען, אוּן מְ'קֶען דָארְט פּוֹעֶלְ'ן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶע גוּטֶע זַאכְן וָואס מֶען בְּרוֹיךְ.

אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ שְׁטֵייט (אוֹרַח חַיִּים, סִימָן תרל"ט, סְעִיף ד') אַז מְ'קֶען דַאוֶונֶען אִינֶעווֵייניג אִין דִי סוּכָּה אָדֶער אִינְדְרוֹיסְן פוּן דִי סוּכָּה, וִוי אַזוֹי מֶען ווִיל, דִי פּוֹסְקִים זָאגְן דָארְט (מָגֵן אַבְרָהָם, סְעִיף קָטָן י"ד) אַז אוֹיבּ דֶער מֶענְטְשׁ קֶען דַאוֶונֶען רוּאִיג אִין דִי
<<<<<<

## א גוט ווארט

אַז מִיר שְׁטֵייעֶן יֶעצְט פַאר אַזַא הֵיילִיגֶע יוֹם טוֹב דַארְפְן מִיר אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר זָאלְן זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי מִצְוֹת, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער אֲרִיזַ"ל הָאט גֶעזָאגְט (עַיֵּין הַקְדָּמַת סֵפֶר חֲרֵדִים) אַז עֶר אִיז צוּגֶעקוּמֶען צוּ אַלֶע זַיינֶע מַדְרֵיגוֹת נָאר צוּלִיבּ דֶעם וָואס עֶר הָאט זִיךְ גֶעפְרֵיידְט מִיט דִי מִצְווֹת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֲפִילוּ מֶען זָאל אִים גֶעבְּן דִי גַאנְצֶע גֶעלְט פוּן דֶער וֶועלְט וָואלְט עֶר נִישְׁט אַוֶועק גֶעגֶעבְּן קַיין שׁוּם מִצְוָה.

אַז אַ אִיד פְרֵיידְט זִיךְ מִיט דִי מִצְווֹת אִיז אַ סִימָן אַז עֶר הָאט אַ רֵיינֶע אֱמוּנָה אוּן עֶר הָאט נִישְׁט קַיין קַשְׁיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת שִׂמְחָה א) "כְּשֶׁאָדָם עוֹשֶׂה מִצְוָה בְּשִׂמְחָה, זֶה סִימָן שֶׁלִּבּוֹ שָׁלֵם לֵאלֹקָיו", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פְרֵיידְט זִיךְ מִיט דִי מִצְווֹת וָואס עֶר טוּט, אִיז אַ סִימָן אַז דֶער מֶענְטְשׁ אִיז אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וַיַּקְהֵל פְּקוּדֵי תשע"ח)

סוּכָּה זָאל עֶר דַאוֶונֶען דָארְט, אוֹיב אָבֶּער אִיז דָא אַ שׁוּל אִין שְׁטָאט זָאל עֶר גֵיין דַאוֶונֶען אִין שׁוּל. דָאס אִיז אַבִּיסְל שְׁוֶוער צוּ פַארְשְׁטֵיין, ווֶעלְכֶע שְׁטָאט הָאט דֶען נִישְׁט קַיין שׁוּל? אוּן פַארְוָואס זָאל מֶען עֶנְדֶערְשׁ דַאוֶונֶען אִין דִי סוּכָּה אוֹיב אִיז דָארְט דָא רוּאִיגְקֵייט? נָאר דֶער תֵּירוּץ אִיז אַז בֵּיידֶע זֶענֶען אֱמֶת, דִי גֶעהֶערִיגֶע תְּפִלּוֹת, שַׁחֲרִית מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב, דַארְף מֶען זִיכֶער גֵיין אִין שׁוּל דַאוֶונֶען מִיט מִנְיָן, וֶוען עֶס קוּמְט אָבֶּער צוּ דִי אֵייגֶענֶע תְּפִלּוֹת, דָאס וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט אַז יֶעדֶער אִיד זָאל רֶעדְן אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, דָאס אִיז יָא זֵייעֶר גוּט צוּ טוּן אִין דִי סוּכָּה. וִוי אִיז נָאךְ דָא אַ גְרֶעסֶערֶע רוּאִיגְקֵייט פוּן דֶעם אַז אַ אִיד וֵוייסְט אוּן שְׁפִּירְט אַז עֶר זִיצְט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין אִין אַ שְׁטוּב, דָאס עֶפְּנְט דָאךְ אוֹיף דָאס הַארְץ, דָאס בְּרֶענְגְט דָאךְ אַ רוּאִיגְקֵייט אוֹיף דִי גֶעוִוסְן, אוּן דֶערְפַאר אִיז זֵייעֶר גוּט צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן זִיצְנְדִיג אִין דִי סוּכָּה.

סְפֶּעצִיעֶל אִיז דִי סוּכָּה אַ גוּטֶע פְּלַאץ פַאר אַ בָּחוּר צוּ בֶּעטְן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אַ שִׁידוּךְ. חֲזַ"ל זָאגְן (עֲרָכִין ג':) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (וַיִּקְרָא כ"ג, מ"ב) "בַּסוּכּוֹת תֵּשְׁבוּ שִׁבְעַת יָמִים", תֵּשְׁבוּ כְּעֵין תָּדוּרוּ מַה דִירָה אִישׁ וְאִשְׁתּוֹ אַף סוּכָּה אִישׁ וְאִשְׁתּוֹ; אַז מְ'זָאל זִיצְן אִין דִי סוּכָּה מִיט דִי וַוייבּ. דֶערְפַאר, וֶוען אַ בָּחוּר זֶעצְט זִיךְ אַרַיין אִין דִי סוּכָּה קֶען עֶר הָאבְּן אַ גוּטֶע טַעֲנָה צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, דוּ הָאסְט גֶעזָאגְט אַז מְ'זָאל זִיצְן אִין דִי סוּכָּה מִיט דִי וַוייבּ, אִיךְ בִּין דָא אִין דִי סוּכָּה, אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן מַיין חֵלֶק, יֶעצְט דַארְפְסְטוּ מִיר צוּשְׁטֶעלְן אַ וַוייבּ, אַז אִיךְ זָאל קֶענֶען מְקַיֵּים זַיין דִי מִצְוָה בִּשְׁלֵימוּת.

נָאךְ מֶער זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן מ"ח) אַז דִי מִצְוָה פוּן סוּכָּה אִיז מְסוּגָל פַאר קִינְדֶער, קוּמְט אוֹיס אַז פַאר אַ בָּחוּר דַארְף דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן אַז עֶר זָאל שׁוֹין חֲתוּנָה הָאבְּן אוּן אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּב אוּן קֶענֶען הָאבְּן קִינְדֶער. דֶערְפַאר אִיז אִין דִי סוּכָּה דִי בֶּעסְטֶע פְּלַאץ פַאר אַ בָּחוּר אוֹיסְצוּבֶּעטְן אַ שִׁידוּךְ.

לָאמִיר אוֹיסְנוּצְן דִי צַייט וֶוען מִיר זִיצְן אִין דִי הֵיילִיגֶע סוּכָּה, אוּן דָארְט אִיבֶּערְלָאזְן אוּנְזֶער גַאנְצֶער פֶּעקְל צָרוֹת אוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען. מֶענְטְשְׁן לַיידְן לֵיידֶער אַסַאךְ שְׁוֶועריקֵייטְן אוּן יִסוּרִים, יֶעדֶער הָאט זִיךְ זַיין אֵייגְנַארְטִיגֶע פֶּעקְל צָרוֹת וָואס עֶר שְׁלֶעפְּט מִיט זִיךְ אוּן קֶען נִישְׁט פָּטוּר וֶוערְן דֶערְפוּן, אוּן דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע עֵצָה וִוי אַזוֹי זִיךְ אַרוֹיסְצוּדְרֵייעֶן פוּן אַלֶע צָרוֹת אִיז נָאר דוּרְכְ'ן עֶס אוֹיסְרֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. שְׁטִילֶערְהֵייט, וֶוען קֵיינֶער הֶערְט נִישְׁט, זָאל עֶר זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, עֶר זָאל דֶערְצֵיילְן פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס גֵייט אוֹיף אִים אַרִיבֶּער, וִוי שְׁטַארְק עֶר מוּטְשֶׁעט זִיךְ אִין לֶעבְּן אוּן עֶר קֶען זִיךְ נִישְׁט קַיין עֵצָה גֶעבְּן. אַזוֹי וִוי עֶר וָואלְט וֶוען גֶעטְרָאפְן אַן אֱמֶתְ'ער נָאנְטֶער חַבֶר אוּן זִיךְ אוֹיסְגֶעוֵויינְט פַאר אִים אוּן אִים דֶערְצֵיילְט אַלֶעס וָואס גֵייט אוֹיף אִים אַרִיבֶּער, עֶר וָואלְט אִים דֶערְצֵיילְט אַלֶע אִיבֶּערְגֵייעֶכְצֶער וָואס עֶר גֵייט דוּרְךְ. דִי זֶעלְבֶּע, אוּן נָאךְ פִיל מֶער, דַארְף מֶען טוּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל פַאר מֶענְטְשְׁן שֶׁעמְט מֶען זִיךְ נָאךְ צוּ דֶערְצֵיילְן מַמָּשׁ אַלֶע דֶעטַאלְן, נִישְׁט אַלֶעס קֶען מֶען זִיךְ עֶרְלוֹיבְּן אוֹיסְצוּזָאגְן פַאר אַ מֶענְטְשׁ, אֲפִילוּ וֶוען יֶענֶער אִיז גָאר אַ נָאנְטֶער חַבֶר. פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן קֶען מֶען אָבֶּער יָא אַלֶעס דֶערְצֵיילְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שְׁטֵייט אוּן וַוארְט צוּ הֶערְן יֶעדֶעס וָוארְט וָואס דֶער מֶענְטְשׁ רֶעדְט זִיךְ אוֹיס צוּ אִים, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט יֶעדְן מֶענְטְשׁ וָואס קוּמְט צוּ אִים אוּן בֶּעט אִים זַיין הִילְף. אוּן דָאס קֶען יֶעדֶער אִיד טוּן, סֵיי וֶוען אוּן סֵיי וואוּ עֶר גֶעפוּנְט זִיךְ נָאר, וֶוען מְ'זִיצְט אָבֶּער אִין דִי הֵיילִיגֶע סוּכָּה אִיז מֶען נָאךְ מֶער נֶענְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן וֶוען אַ אִיד נוּצְט אוֹיס דִי גֶעלֶעגְנְהֵייט אוּן רֶעדְט זִיךְ אוֹיס זַיין גַאנְצֶע הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין דִי סוּכָּה, דַאן קֶען עֶר זוֹכֶה זַיין אַז וֶוען עֶר וֶועט זִיךְ גֶעזֶעגֶענֶען פוּן דִי הֵיילִיגֶע סוּכָּה נָאךְ יוֹם טוֹב, זָאל עֶר אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט זִיךְ אוֹיךְ גֶעזֶעגֶענֶען פוּן אַלֶע זַיינֶע צָרוֹת אוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען, עֶר זָאל שׁוֹין הָאבְּן נָאר אַ גְלִיקְלִיךְ אוּן פְרֵיילִיךְ לֶעבְּן פוּן יֶעצְט אוּן וַוייטֶער.

## שְׁפִּירְן אַ טַעַם אִין דִי סוּכָּה

דֶער עִיקָר דַארְף מֶען אַסַאךְ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס אִיז דִי בֶּעסְטֶע הֲכָנָה צוּם הֵיילִיגְן יוֹם טוֹב, אוּן דָאס אִיז אַ זַאךְ וָואס יֶעדֶער מֶענְטְשׁ קֶען טוּן. רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער זי"ע אִיז גֶעוֶוען אַ תַּלְמִיד פוּן רֶבִּי נָתָן זי"ע, עֶר פְלֶעגְט אַסַאךְ בַּאדִינֶען רֶבִּי נָתָן, אֵיינְמָאל עֶרֶב סוּכּוֹת הָאט עֶר גֶעבּוֹיעֶט דִי סוּכָּה פַאר רֶבִּי נָתָן, אוּן בַּיינַאכְט וֶוען עֶר אִיז גֶעזֶעסְן אִין דִי סוּכָּה מִיט רֶבִּי נָתָן הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶערוּפְן, "וֶוען מֶען מוּטְשֶׁעט זִיךְ אָפּ אַ גַאנְצְן טָאג צוּ בּוֹיעֶן דִי סוּכָּה, דַאן שְׁפִּירְט מֶען גָאר אַן אַנְדֶערְן טַעַם אִין דִי סוּכָּה...", הָאט אִים רֶבִּי נָתָן אוֹיף דֶעם גֶעזָאגְט, "דָאס הָאסְטוּ נָאכְנִישְׁט פְּרוּבִּירְט, צוּ בֶּעטְן אַ גַאנְצְן טָאג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, 'בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ וִויל שְׁפִּירְן אַ טַעַם אִין דִי סוּכָּה', וָואסֶערֶע טַעַם מְ'שְׁפִּירְט נָאכְדֶעם אִין דִי סוּכָּה..."

וֶוען עֶס קוּמְט פַאר אַ יוֹם טוֹב, פַאר אַ סְפֶּעצִיעֶלֶע מִצְוָה, אָדֶער פַאר סֵיי ווֶעלְכֶע סְפֶּעצִיעֶלֶע צַייט, אַ אִיד וִויל זִיךְ צוּגְרֵייטְן צוּם יוֹם טוֹב, עֶר וִויל זִיךְ גְרֵייטְן צוּ דִי מִצְוָה, אוּן עֶר וֵוייסְט נִישְׁט וָואס אוּן וִוי אַזוֹי דָאס צוּ טוּן, דַארְף מֶען וִויסְן אַז דֶער עִיקָר אִיז צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מְ'זָאל שְׁפִּירְן אַ טַעַם אִין דֶעם יוֹם טוֹב אוּן אִין דִי מִצְוָה, בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דֶער יוֹם טוֹב זָאל אַרִיבֶּערְגֵיין מִיט אַ גֶעשְׁמַאק אוּן פְרֵיילִיכְקֵייט, מְ'זָאל טוּן אַלֶעס וָואס מְ'דַארְף צוּ טוּן וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, מְ'זָאל אַרוֹיסְבַּאקוּמֶען פוּן דֶעם יוֹם טוֹב דָאס בֶּעסְטֶע אוּן דִי שֶׁענְסְטֶע.

מֶען קֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ אִיד וָואס אִיז זוֹכֶה צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, אַזוֹי וִוי מְ'רֶעדְט זִיךְ דוּרְךְ מִיט אַ נָאנְטֶער חַבֶר. יֶעדֶעס וָוארְט וָואס מְ'רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מַאכְט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע רַעַשׁ אִין הִימְל, אוּן דָאס עֶפְנְט אוֹיף אַלֶע טִירְן אוּן טוֹיעֶרְן פַארְ'ן מֶענְטְשׁ.

# מֶען שָׁאקְלְט לוּלָב

מִיט דִי ד' מִינִים שָׁאקְלְט מֶען אוֹיף אַלֶע זֶעקְס זַייטְן, דֶער אֲרִ"י הַקָּדוֹשׁ בְּרֶענְגְט (פְּרִי עֵץ חַיִּים שַׁעַר הַלּוּלָב פ"ג.) גְרוֹיסֶע כַּוָונוֹת אוֹיף דִי נַעֲנוּעִים, מֶען קֶען אָבֶּער זָאגְן אוֹיךְ בִּפְשְׁטוּת דִי כַּוָונוֹת פוּן דִי נַעֲנוּעִים, לְעוּבְדָא וּלְמַעֲשֶׂה אַז מִיר זָאלְן קֶענֶען נֶעמֶען פוּן דֶעם גְרוֹיס חִיזוּק אָנְצוּגֵיין אִין לֶעבְּן.

**מִזְרָח מַעֲרִיב** – מֶען שָׁאקְלְט אוֹיף פָארְנְט אוּן אוֹיף אוּנְטְן, דָאס וַוייזְט אוֹיף צְוֵויי מִינֵי מַצָּבִים אִין וָואס אַ מֶענְטְשׁ גֶעפִינְט זִיךְ, אַמָאל גֵייט אִים אַלֶעס גוּט, עֶר פִּילְט אַ גֶעשְׁמַאק אִין לֶעבְּן, אַ טַעַם אִין דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוּן אַמָאל גֵייט אַלֶעס פַארְקֶערְט, מֶען הָאט נִישְׁט קַיין גֶעפִיל אִין קַיין שׁוּם זַאךְ, אַלֶעס גֵייט פַארְקֶערְט וִוי מֶען וִויל. דֶערְפַאר שָׁאקְלְט מֶען פוּן פָארְנְט אוּן פוּן אוּנְטְן, סֵיי וֶוען עֶס גֵייט גוּט אוּן סֵיי וֶוען עֶס גֵייט נִישְׁט גוּט, זָאל מֶען וִויסְן אַז אַלֶעס אִיז נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאר צוּ אִים זָאל מֶען גֵיין, אוּן נָאר עֶר קֶען הֶעלְפְן.

**דָּרוֹם צָפוֹן** – מֶען שָׁאקְלְט רֶעכְטְס אוּן לִינְקְס, דָאס מֵיינְט רוּחְנִיוּת אוּן גַשְׁמִיוּת, דָאס הֵייסְט אַז מֶען וִויל דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן סֵיי מִיט רוּחְנִיוּת צוּ דַאוֶונֶען אוּן לֶערְנֶען אוּן טוּן מִצְוֹת, אוּן סֵיי מִיט גַשְׁמִיוּת צוּ עֶסְן אוּן טְרִינְקֶען אוּן טוּן אַלֶע בַּאדֶערְפֶענִישְׁן, אוֹיךְ מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי דִי הֲלָכָה וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן. וַוייל עֶס גֵייט נִישְׁט אֵיינְס אָן דֶעם אַנְדֶערְן, אוֹיבּ וִויל מֶען נָאר רוּחְנִיוּת אָן גַשְׁמִיוּת וֶועט עֶס צוּפַאלְן אוּן עֶס וֶועט זִיךְ נִישְׁט הַאלְטְן, אוּן דִי זֶעלְבֶּע פַארְקֶערְט, מֶען קֶען נִישְׁט הָאבְּן גַשְׁמִיוּת אָן רוּחְנִיוּת, דֶער בֶּעסְטֶער וֶועג אִיז וֶוען מֶען שְׁטֶעלְט בֵּיידֶע צוּזַאם, מֶען דִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיךְ מִיט דִי גַשְׁמִיוּת.

**מַעְלָה מַטָּה** – מֶען שָׁאקְלְט אוֹיף אַרוֹיף אוּן אוֹיף אַרָאפּ, סֵיי וֶוען מֶען אִיז אוֹיבְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַארְף מֶען וִויסְן אַז מֶען קֶען גֵיין נָאךְ הֶעכֶער. אוּן סֵיי וֶוען מֶען אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן, מֶען הָאט גֶעטוּן עֲבֵירוֹת דַארְף מֶען גֶעדֶענְקֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז נָאכְאַלְץ דָא מִיטְ'ן מֶענְטְשׁ, אוּן מֶען קֶען שְׁטֶענְדִיג צוּרִיק קוּמֶען צוּ אִים (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ו'). דָאס זֶענֶען דִי כַּוָונוֹת אִינְזִין צוּ הָאבְּן בְּשַׁעְתְ'ן שָׁאקְלֶען לוּלָב, אַז וִוי אַזוֹי מֶען דְרֵייט נָאר מִיטְ'ן מֶענְטְשׁ אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שְׁטֶענְדִיג מִיט אִים, אוּן מֶען קֶען זִיךְ אַלֶעמָאל וֶוענְדְן צוּ אִים. אוּן דֶערְפַאר אִיז טַאקֶע מְסוּגָל בְּשַׁעַתְ'ן שָׁאקְלֶען דֶעם לוּלָב צוּ בֶּעטְן דֶעמָאלְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס מֶען דַארְף, אוּן גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט אַלֶעס גוּטְס בְּרוּחֲנִיוּת וּבְגַשְׁמִיוּת.

דֶער אֶתְרוֹג אִיז מְרַמֵּז אוֹיפְ'ן הַארְץ (וַיִּקְרָא רַבָּה, פַּרְשָׁה ל', סִימָן י"ד), קֶען מֶען דַאן זָאגְן פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "בַּאשֶׁעפֶער, דָא הַאלְט אִיךְ מַיין הַארְץ אִין מַיין הַאנְט, אִיךְ גֶעבּ עֶס אִיבֶּער אִינְגַאנְצְן פַאר דִיר, רֵיינִיג מִיר אוֹיס מַיין הַארְץ אוּן הֶעלְף מִיר אַז פוּן הַיינְט אוּן וַוייטֶער זָאל מַיין הַארְץ נָאר טְרַאכְטְן פוּן דִיר, מַיין הַארְץ זָאל נָאר לֶעבְּן מִיט דִיר".

דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, רְפוּאָה חֵלֶק ב', סִימָן ד') אַז צוּ קוּקְן אוֹיפְ'ן אֶתְרוֹג אִיז אַ רְפוּאָה פַאר אוֹיגְן וֵוייטָאג. דֶערְפַאר פִּירְט מֶען זִיךְ צוּ קוּקְן אַסַאךְ אוֹיפְ'ן אֶתְרוֹג, וָואס דָאס הֵיילְט אוֹיס דִי אוֹיגְן סֵיי בְּגַשְׁמִיוּת, אוֹיבּ אֵיינֶעם טוּט וֵויי דִי אוֹיגְן זָאל עֶר קוּקְן אוֹיפְ'ן אֶתְרוֹג אוּן עֶס וֶועט זִיךְ אוֹיסְהֵיילְן; אוּן סֵיי בְּרוּחֲנִיוּת, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זֶעט אַז עֶר קֶען זִיךְ נִישְׁט הִיטְן דִי אוֹיגְן, עֶר מוּז קוּקְן אוֹיף זַאכְן וָואס מֶען טָאר נִישְׁט, זָאל עֶר קוּקְן אוֹיפְ'ן אֶתְרוֹג, אוּן עֶר וֶועט הָאבְּן אַ רְפוּאָה. מִיט דִי אֶתְרוֹג אִין הַאנְט אִיז דִי רִיכְטִיגֶע צַייט צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מְ'זָאל שׁוֹין הָאבְּן אַ גַאנְצֶע רְפוּאָה אוֹיף דִי אוֹיגְן.

סְפֶּעצִיעֶל וֶוען מְ'הַאלְט דֶעם אֶתְרוֹג אִין הַאנְט, קֶען מֶען דֶעמָאלְט נָאךְ מֶער בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּ הָאבְּן רֵיינֶע אוֹיגְן אוּן אַ רֵיינֶע הַארְץ, חֲזַ"ל דְרִיקְן זִיךְ אוֹיס אוֹיף דִי ד' מִינִים (סוּכָּה ל"ח.) אַז דָאס אִיז וִוי אַ פַייל אִין דִי "אוֹיגְן" פוּנֶעם שָׂטָן, דֶער עִיקָר וֶועג וִוי אַזוֹי דֶער שָׂטָן כַאפְּט אַרַיין אַ מֶענְטְשׁ אִיז דָאךְ מִיט דִי אוֹיגְן, אוּן דִי ד' מִינִים אִיז מְסוּגָל אוֹיף דֶעם, אוֹיסְצוּשְׁטֶעכְן דִי אוֹיגְן פוּנֶעם שָׂטָן, עֶר זָאל מֶער נִישְׁט קֶענֶען מַכְשִׁיל זַיין דִי אוֹיגְן.

דֶער אֶתְרוֹג דַארְף מֶען אָבֶּער הַאלְטְן צוּזַאמֶען מִיטְ'ן לוּלָב, וַוייל כְּדַאי צוּ רֵיינִיגְן דָאס הַארְץ דַארְף מֶען גֵיין צוּ אַ צַדִּיק, דֶער לוּלָב אִיז מְרַמֵּז אוֹיף אַ צַדִּיק אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (תְּהִלִּים צ"ב, י"ג) "צַדִּיק כַּתָּמָר יִפְרָח", אַז אַ אִיד וִויל זַיין עֶרְלִיךְ, עֶר וִויל הָאבְּן אַן עֶרְלִיךְ הַארְץ, דַארְף עֶר זִיךְ צוּשְׁטֶעלְן צוּם צַדִּיק. דֶער רֶבִּי טַייטְשְׁט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תר"ה) דִי מִשְׁנָה (אָבוֹת ב', י"ג), וְאַל תְּהִי רָשָׁע "בִּפְנֵי עַצְמָךְ", אֲפִילוּ וֶוען דוּ בִּיזְט אַ רָשָׁע, זָאלְסְטוּ נִישְׁט זַיין "אַלֵיין", זָאלְסְט גֵיין צוּ אַ צַדִּיק, אוּן דַאן וֶועסְטוּ וֶוערְן אוֹיס רָשָׁע. אֲפִילוּ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז אַ רָשָׁע, עֶר וֵוייסְט אַז עֶר אִיז וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר פִירְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיף וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין. פוּן דֶעסְט וֶועגְן זָאל עֶר זִיךְ אָבֶּער דְרֵייעֶן צְווִישְׁן עֶרְלִיכֶע אִידְן, אוּן סוֹף כָּל סוֹף וֶועט זִיךְ אִין אִים אוֹיךְ עֶפֶּעס אָנְקְלֶעבְּן, אוּן עֶר וֶועט וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן וְ'טַהֵר לִ'בֵּנוּ לְ'עָבְדְּךָ בֶּ'אֱמֶת – 'לוּלָב'; אוֹיבּ מֶען וִויל רֵיינִיגְן דָאס הַארְץ, דַארְף מֶען גֵיין צוּם צַדִּיק, וָואס עֶר לֶערְנְט אוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ וִוי אַזוֹי צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זַיין אַן אֱמֶתְ'ער עֶרְלִיכֶער אִיד.

# לֶעבּנְסגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן (קיח)

**אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר: רֶבִּי נָתָן הַאלְט זִיךְ אוֹיף בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן אִין שְׁטָאט בְּרֶסְלֶב פַאר דְרֵיי וָואכְן, בִּיז נָאךְ שַׁבָּת חֲנוּכָּה.**

**תמט**

אִין דִי דְרֵיי וָואכְן וָואס רֶבִּי נָתָן אִיז גֶעוֶוען דֶעמָאלְט בַּיים רֶבִּי׳ן, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶערֶעדְט מִיט אִים גָאר אַסַאךְ, עֶר הָאט מְחַזֵּק גֶעוֶוען אוּן גֶעשְׁטַארְקְט, אוּן אִים מַדְרִיךְ גֶעוֶוען וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן, עֶר אִיז דֶעמָאלְט אַרַיין צוּם רֶבִּי׳ן יֶעדְן טָאג.

אֵיין מָאל אִיז אַרַיין צוּם רֶבִּי׳ן, אוּן עֶר הָאט גֶעזֶען דָארְט דֶעם סֵפֶר ״שִׁבְחֵי הָאֲרִיזַ״ל״, עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן רְשׁוּת פוּן רֶבִּי׳ן צוּ בָּארְגְן דֶעם סֵפֶר, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אִים עֶס גֶעבָּארְגְט.

וֶוען עֶר הָאט עֶס שְׁפֶּעטֶער צוּרִיקְגֶעגֶעבְּן פַארְ׳ן רֶבִּי׳ן, הָאט דֶער רֶבִּי אִים גֶעפְרֶעגְט, ״וָואס הָאסְטוּ עֶפֶּעס אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן דָארְט?״, הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז עֶר הָאט גֶעלֵיינְט דָארְט אַז רֶבִּי חַיִּים וִיטַאל זי״ע אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער עָנָיו, עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר קְלֵיין בַּיי זִיךְ, אוּן וֶוען עֶר אִיז נִתְקָרֵב גֶעוֶוען צוּם הֵיילִיגְן אֲרִיזַ״ל, הָאט דֶער אֲרִיזַ״ל הָאט אִים אָנְגֶעהוֹיבְּן זֵייעֶר צוּ שֶׁעצְן אוּן אוֹיסְלוֹיבְּן, דָאס אִיז גֶעוֶוען בַּיי אִים אַ גְרוֹיסֶע וואוּנְדֶער, אוּן עֶר הָאט גֶעפְרֶעגְט פוּן זַיין רֶבִּי׳ן, ״אִיךְ וֵייס דָאךְ בַּיי מִיר וִוי נִידְרִיג אִיךְ בִּין, פַארְוָואס מַאכְט מִיר דֶער רֶבִּי אַזוֹי גְרוֹיס?״, הָאט אִים דֶער אֲרִיזַ״ל גֶעעֶנְטְפֶערְט, ״בְּעִקְבְתָא דִמְשִׁיחָא, אִין דִי דוֹרוֹת פַאר מָשִׁיחַ צִדְקֵנוּ קוּמְט, קֶען מֶען מִיט וֵוייניג פְּעוּלוֹת אָנְקוּמֶען צוּ דִי מַדְרֵגָה פוּן רַבִּי עֲקִיבָא״. [עֶר הָאט אָנְגֶעכַאפְּט דַוְקָא רַבִּי עֲקִיבָא, וַוייל סְ׳וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין כִּתְבֵי הָאֲרִיזַ״ל אַז רֶבִּי חַיִּים וִיטַאל הָאט גֶעהַאט דִי נְשָׁמָה פוּן רַבִּי עֲקִיבָא].

הָאט דֶער רֶבִּי זִיךְ אָנְגֶערוּפְן צוּ רֶבִּי נָתָן, ״אָט דָאס הָאבּ אִיךְ טַאקֶע גֶעמֵיינְט״. וַוייל רֶבִּי נָתָן אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער עָנָיו, אַ שָׁפָל וְסַבְלָן, עֶר אִיז גֶעוֶוען בַּיי זִיךְ מַמָּשׁ אַ שְׁטִיק בְּלָאטֶע, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אִים כְּסֵדֶר אוֹיסְגֶעלוֹיבְּט אוּן אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן דִי גַאנְצֶע צַייט, אוּן דָאס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁוֶוער פַאר רֶבִּי נָתָן צוּ נֶעמֶען, עֶר הָאט אָבֶּער מוֹרָא גֶעהַאט צוּ פְרֶעגְן דֶעם רֶבִּי׳ן פַארְוָואס דֶער רֶבִּי הוֹיבְּט אִים אַזוֹי אוֹיף אִין דִי צַייט וָואס עֶר וֵוייסְט בַּיי זִיךְ וֶוער עֶר אִיז וְכוּ׳, אוּן מִיט דִי מַעֲשֶׂה אִיז אִים דָאס פַארְעֶנְטְפֶערְט גֶעוָוארְן.

**תנ**

דֶעמָאלְט, אִין חֲנוּכָּה, הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן, ״אִיךְ בִּין אַ שֵׁיינֶע בּוֹים, גָאר אַ וואוּנְדֶערְלִיכֶע בּוֹים מִיט הֶערְלִיכֶע גֶעוַואלְדִיגֶע צְוַוייגְן, אָבֶּער אוּנְטְן לִיג אִיךְ מַמָּשׁ אוֹיף דֶער עֶרְד״.

**תנא**

גְלַייךְ נָאךְ חֲנוּכָּה, הָאט רֶבִּי נָתָן זִיךְ צוּרִיק גֶעקֶערְט אַהֵיים קַיין נֶעמִירוֹב, אוּן דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע מְנִיעוֹת, צַעַר אוּן יִסוּרִים, וָואס עֶר הָאט דֶעמָאלְט גֶעלִיטְן פוּן זַיין מִשְׁפָּחָה, קֶען מֶען גָארְנִישְׁט בַּאגְרֵייפְן אוּן אַרָאפְּשְׁרַייבְּן. גְלַייךְ וֶוען עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אַהֵיים הָאט זַיין וַוייבּ אִים גֶעוָוארְפְן דִי שְׁלִיסְלֶעךְ פוּן אִיר גֶעשֶׁעפְט, זָאגְנְדִיג אַז זִי קֶען מֶער נִישְׁט שְׁטֵיין אַלֵיין אִין גֶעשֶׁעפְט, אוּן זִי הָאט נִישְׁט וֶוער סְ׳זָאל פִירְן דִי חֶשְׁבּוֹנוֹת. זַיין טַאטֶע הָאט אִים גֶעזָאגְט אַז עֶר וֶועט אִים מֶער נִישְׁט הֶעלְפְן, וַוייל עֶר הָאט אִינגַאנְצְן אַרָאפְּגֶעוָוארְפְן פוּן זִיךְ יֶעדֶע עוֹל פוּן עוֹלָם הַזֶּה, אוּן עֶר הָאט אִים פַארְטְרִיבְּן פוּן זַיין הוֹיז, אוּן עֶר הָאט גֶעמוּזְט גֵיין צוּ זַיין זֵיידֶע, זַיין מַאמֶע׳ס טַאטֶע, וָואס עֶר הָאט אִים יָא מְכַבֵּד גֶעוֶוען.

דֶערְוַוייל אִיז זַיין וַוייבּ גֶעפָארְן צוּ אִיר טַאטֶע, הרה״ק רֶבִּי דָוִד צְבִי זי״ע, אוּן זִיךְ אוֹיסְגֶערֶעדְט צוּ אִים אַז זִי וִויל מֶער נִישְׁט לֶעבְּן מִיט אִיר מַאן. וֶוען אִיר טַאטֶע הָאט אִיר גֶעפְרֶעגְט פַארְוָואס, הָאט זִי דֶערְצֵיילְט אַז עֶר אִיז גֶעוָוארְן אַ חָסִיד, עֶס אִינְטֶערֶעסִירְט אִים מֶער גָארְנִישְׁט קַיין וֶועלְטְלִיכֶע זַאכְן, אוּן עֶר הַאלְט אִין אֵיין פָארְן צוּ זַיין רֶבִּי׳ן. הָאט דֶער טַאטֶע אִיר גֶעפְרֶעגְט, ״זַייט עֶר אִיז מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּ זַיין רֶבִּי, לֶערְנְט עֶר נָאךְ תּוֹרָה?״, הָאט זִי אִים גֶעזָאגְט, ״וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, טַאטֶע. פוּן וֶוען עֶר אִיז מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּ זַיין רֶבִּי, לֶערְנְט עֶר פִיל מֶער פוּן פְרִיעֶר, בְּכֵפֶל כִּפְלַיִם, עֶר רוּעֶט נִישְׁט קַיין טָאג אָדֶער נַאכְט, עֶר הֶערְט נִישְׁט אוֹיף צוּ לֶערְנֶען דִי גַאנְצֶע צַייט״.

הָאט אִיר טַאטֶע אִיר גֶעזָאגְט, ״אוֹיבּ זַיין רֶבִּי שַׁיינְט אַרַיין אִין אִים אַזַא לִיבְשַׁאפְט צוּ תּוֹרָה, דַארְפְסְטוּ אַרְבֶּעטְן מִיט אַלֶע דַיינֶע כּוֹחוֹת אַז עֶר זָאל וַוייטֶער קֶענֶען לֶערְנֶען, מִיט דִי נָאז זָאלְסְטוּ אַקֶערְן אוּן אִים מְפַרְנֵס זַיין, זָאלְסְט אֲפִילוּ שְׁטֵיין מִיט אַ זַאק זַאלְץ אוּן פַארְקוֹיפְן אִין מַארְק. אִיךְ בִּין זֵייעֶר מַכִּיר טוֹבָה פַאר זַיין רֶבִּי׳ן אַז הָאט אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט אִין אִים אַזַא שְׁטַארְקֶע הַתְמָדַת הַתּוֹרָה״. וַוייל תּוֹרָה אִיז גֶעוֶוען בַּיי אִים דִי חָשׁוּב׳סְטֶע זַאךְ.

דַאן אִיז זִי צוּרִיק גֶעפָארְן צוּ אִיר מַאן, רֶבִּי נָתָן, קַיין נֶעמִירוֹב, אוּן סְ׳הָאט זִיךְ אַבִּיסְל אָפְּגֶעשְׁטִילְט דִי קְרִיגֶערֵיי, זִי הָאט אִים אָנְגֶעהוֹיבְּן אַבִּיסְל מְכַבֵּד צוּ זַיין.

פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי״ה - גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר ״פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק״



# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב

## וָואס לֶערְנְט אוּנְז דֶער עֶלֶעפַאנְט?

*שְׁאֵלָה:*

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א,**

יְיַשֵּׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע חִיזוּק, סְפֶּעצִיעֶל וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א הָאט גֶעזָאגְט בַּיי אַ שִׁיעוּר, ״פַארְוָואס טְרַאכְסְטוּ דוּ קֶענְסְט נִישְׁט זַיין קַיין עֶרְלִיכֶער אִיד? פְּרוּבִּיר נָאכְאַמָאל, אֶפְשָׁר דָאס מָאל בִּיסְטוּ שׁוֹין שְׁטֶערְקֶער, וֶועט עֶס יָא גֵיין, זַיי נִישְׁט אַזוֹי וִוי דֶער עֶלֶעפַאנְט וָואס גֶעבְּט אוֹיף אַלְס קִינְד״, דָאס הָאט מִיר זֵייעֶר מְחַזֵּק גֶעוֶוען אוּן אִיךְ הָאבּ אָפְּגֶעמַאכְט מִיט אַ זֵייעֶר שְׁטַארְקֶע הַחְלָטָה, אִיךְ הֵייבּ אָן פוּן יֶעצְט זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, עֶס גֵייט מִיר גָארְנִישְׁט אָן אוֹיבּ אִיךְ וֶועל נָאכְאַמָאל אַרָאפְּפַאלְן, אִיךְ גֵיי נִישְׁט אָפְּלָאזְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִיךְ גֵיי אָנְהֵייבְּן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל בִּיז אִיךְ וֶועל זִיכֶער וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ד׳ לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י״ז אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶס אִיז זֵייעֶר אִינְטֶערֶעסַאנְט וִוי אַזוֹי מֶען טְרֶענִירְט בַּעֲלֵי חַיִּים; צוּם בֵּיישְׁפִּיל, דֶער גְרוֹיסֶער שְׁטַארְקֶער עֶלֶעפַאנְט בִּינְדְט מֶען צִי וֶוען זִי אִיז גָאר קְלֵיין, זִי פְּרוּבִּירְט זִיךְ אוֹיסְצוּרַייסְן אָבֶּער זִי קֶען נִישְׁט, זִי פְּרוּבִּירְט אֵיין מָאל, צְוֵויי מָאל, בִּיז זִי זֶעט אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא וָואס צוּ טוּן; אַזוֹי בְּלַייבְּן זַיי גֶעבִּינְדְן זֵייעֶר גַאנְץ לֶעבְּן, זַיי וֵוייסְן נִישְׁט אַז וֶוען זַיי וָואלְטְן פְּרוּבִּירְט נָאךְ אֵיין מָאל יֶעצְט וֶוען זַיי זֶענֶען שׁוֹין שְׁטַארְק, גְרוֹיס אוּן מֶעכְטִיג - וָואלְטְן זַיי זִיךְ גְרִינְגֶערְהֵייט גֶעקֶענְט בַּאפְרֵייעֶן.

אַזוֹי אוֹיךְ אִיז מִיטְ׳ן מֶענְטְשׁ, מֶען ווִיל אֲפִילוּ נִישְׁט פְּרוּבִּירְן נָאכְאַמָאל זִיךְ אַרוֹיסְצוּרַייסְן פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע, מִיטְ׳ן אוֹיסְרֵייד ׳עֶס גֵייט נִישְׁט׳, ׳אִיךְ קֶען נִישְׁט׳, ׳מִיר גֵייט עֶס נִישְׁט׳ וְכוּ׳; מֶען טְרַאכְט נִישְׁט אַז יֶעצְט אִיז מֶען שׁוֹין שְׁטֶערְקֶער פוּן נֶעכְטְן, גְרֶעסֶער פוּן דֶעמָאלְט, יֶעצְט אַז מֶען וֶועט זִיךְ גֶעבְּן אֵיין בֵּייג צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן קֶען מֶען זִיךְ אִינְגַאנְצְן אַרוֹיסְרַייסְן פוּן זַיין נֶעץ.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט עֲבוֹדוֹת הַשֵּׁם, מַאךְ זִיךְ שִׁיעוּרִים אִין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה; מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין מִקְרָא, מִשְׁנָה, גְמָרָא אוּן אִין מֶדְרָשׁ, דִי פִיר לִימוּדִים זֶענֶען אַנְטְקֶעגְן דֶעם שֵׁם הַוַי״ה בָּרוּךְ הוּא, אַז מֶען לֶערְנְט יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל פוּן דִי פִיר שִׁיעוּרִים - הֵייבְּט אָן שַׁיינֶען אוּן לַייכְטְן דִי לִיכְטִיגְקֵייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס לֶעבְּן וֶוערְט לִיכְטִיג.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה כִּי תָבֹא תשפ״א)

BreslevCenter.com\answers

# וֶוען אִיז מֶען מַעֲבִיר סֶדְרָה דִי פַּרְשִׁיוֹת וְזֹאת הַבְּרָכָה אוּן בְּרֵאשִׁית?

בְּנוֹגֵעַ וָואס דוּ פְרֶעגְסְט פוּן וֶוען מֶען קֶען שׁוֹין מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין פַּרְשַׁת וְזֹאת הַבְּרָכָה; מֶען קֶען שׁוֹין מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין פוּן וֶוען מֶען הֵייבְּט אָן לֵיינֶען וְזֹאת הַבְּרָכָה, מֶען דַארְף נִישְׁט וַוארְטְן בִּיז שִׂמְחַת תּוֹרָה. אוֹיךְ קֶען מֶען שׁוֹין אָנְהֵייבְּן פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית מִיּוֹם רִאשׁוֹן וְאֵילָךְ, מֶען דַארְף נִישְׁט וַוארְטְן בִּיז שִׂמְחַת תּוֹרָה, בִּפְרַט הַיי יָאר וֶוען שִׂמְחַת תּוֹרָה גֶעפַאלְט אוֹיס פְרַייטָאג, אוּן עֶס בְּלַייבְּט אִיבֶּער נָאר שַׁבָּת צוּ מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית, הֶחָכָם עֵינָיו בְּרֹאשׁוֹ שׁוֹין אָנְצוּהֵייבְּן פוּן זוּנְטָאג חוֹל הַמּוֹעֵד סוּכּוֹת יֶעדְן טָאג מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם.

עֶס אִיז דָא אַסַאךְ וָואס הַאלְטְן נִישְׁט אַזוֹי, אָבֶּער אַזוֹי הָאבּ אִיךְ מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן מוֹהֲרָא״שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ. מוֹהֲרָא״שׁ אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁטַארְק אִין דֶעם אַז מֶען זָאל שׁוֹין אָנְהֵייבְּן פַאר שִׂמְחַת תּוֹרָה בְּרֵאשִׁית, בִּפְרַט וֶוען שִׂמְחַת תּוֹרָה גֶעפַאלְט אוֹיס אַזוֹי וִוי דִי יָאר הַבָּא עָלֵינוּ לְטוֹבָה - פְרַייטָאג, מֶען גֶעבְּט זִיךְ אֵיין דְרֵיי אוּן מֶען לֵיינְט שׁוֹין בַּיי מִנְחָה פַּרְשַׁת נֹחַ.

וואוֹיל אִיז פַאר דֶעם וָואס לָאזְט זִיךְ נִישְׁט נַארְן אוּן פִירְט זִיךְ בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת וֶועט עֶר שֵׁיין מַצְלִיחַ זַיין.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה הַאֲזִינוּ תשע״ז)

# ביהמ"ד היכל הקודש ברסלב

**27 Skillman St.**

# זמנים לחג הסוכות

**סוכות**

שחרית.............................................10:00

מנחה................................................7:00

## סעודת הילולא רבתי
## של רבינו ז"ל

**דאנערשטאג נאכט חול המועד**
**בהסוכה שעל יד בית מדרשינו**
**בקרית ברסלב ליבערטי**
**בשעה 8:00**

**הושענא רבה**

ליינען משנה תורה..................נאך מעריב

שחרית..............................................8:30

**שמיני עצרת**

שחרית.............................................10:00

מנחה................................................7:30

דערנאך זיך געזעגענען פון די סוכה

**שמחת תורה**

שחרית...............................................9:00

מנחה..................................................7:00

**א פריילכן יום טוב, הגבאים**

## סימן טוב ומזל טוב

החתן **משה איינהארן** הי"ו
**וואס איז א חתן געווארן למזל טוב עב"ג**

מו"ה **יקותיאל פעלדמאן** הי"ו
**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

מו"ה **בערל לעווי** הי"ו
**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

מו"ה **יואליש קרויס** הי"ו
**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

מו"ה **אלי מזרחי** הי"ו
**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

מו"ה **אהרן פיש** הי"ו
**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

מו"ה **אברהם טיקאלסקי** הי"ו
**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

מו"ה **ברוך יאקאבאוויטש** הי"ו
**צו די אפשערן פון זיין זון אליעזר שלמה נ"י למזל טוב**

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

## גרויס התעוררות יום כיפור
## ביים ראש ישיבה שליט"א

גרויס התעוררות האט געהערשט דעם יום כיפור ביים ראש ישיבה שליט"א אין בית המדרש היכל הקודש אין וויליאמסבורג. פילע אידן זענען געקומען צו פארן פון אלע געגנטער אויף יום כיפור קיין וויליאמסבורג מיטצוהאלטן דעם יום טוב מיט'ן ראש ישיבה שליט"א, די תפלות און שיעורים זענען געווען מיט גרויס ווארעמקייט, וואס האט איבערגעלאזט א געוואלדיגע רושם אויף אלע מתפללים, דער ראש ישיבה שליט"א האט געדאווענט פאר'ן עמוד אלע תפלות, די געשמאק און געפיל האט איבערגענומען אלע ביינער, און מיר האבן זיכער גע'פועל'ט א זיס ליכטיג יאר.

פאר כל נדרי האט דער ראש ישיבה שליט"א אויפגעטרעטן מיט דברי התחזקות והתעוררות ווי אזוי אריינצוגיין און אויסנוצן דעם הייליגסטן טאג פון יאר.

מיטאג צייט, ביי פויזע צווישן שחרית און מוסף, האט דער ראש ישיבה שליט"א פארגעלערנט א בלאט גמרא מיט געשמאק, דאס איז געווען א באזונדערע לימוד אז אפילו אום יום כיפור דארף מען אויך לערנען די שיעורי תורה.

**כי ביום הזה יכפר עליכם!**

***

## סעודת הילולא פון הייליגן רבי'ן, דאנערשטאג נאכט חול המועד סוכות אין קרית ברסלב ליבערטי

קומענדיגע וואך חול המועד סוכות וועלן זיך חסידים ואנשי מעשה צוזאמקומען אין אלע שטעט און שולן איבער די וועלט, צו פראווען דעם 211'סטע יארצייט פון הייליגן רבי'ן זי"ע, וואס פאלט אויס דעם צווייטן טאג חול המועד סוכות, אין טאג פון אושפיזא דמשה רעיא מהימנא, מען וועט שמועסן און חזר'ן דעם הייליגן רבינ'ס עצות און חיזוק, און זיך שטארקן אויף ווייטער צו לעבן מיט די הייליגע עצות, און זיך טיילן מיט די גרויסע ירושה וואס דער רבי האט אונז איבערגעלאזט.

אין ביהמ"ד היכל הקודש קרית ברסלב ליבערטי אויף 181 האשקי רד. וועט מען זיך אי"ה צוזאמקומען דאנערשטאג נאכט דעם ערשטן טאג חול המועד, אור ליום י"ח תשרי, אום 8:00, וואו מען וועט פראווען דעם יארצייט אינעם גרויסן סוכה וואס איז געווארן אויפגעשטעלט אין הויף פון ביהמ"ד, מען וועט זיך וואשן צו א שיינע סעודה לכבוד די הילולא פונעם הייליגן רבין זי"ע. דער ראש ישיבה שליט"א וועט בעז"ה געבן א שיינע שמועס מיט דברי הדרכה און חיזוק, אזוי אויך וועט מהנה זיין בעזהשי"ת א שיינע קאפעליע. נאכ'ן בענטשן וועט מען בעז"ה טאנצן בתופים ובמחולות אין ביהמ"ד לכבוד שמחת בית השואבה.

**תאו והתכנשו להילולת רבינו!**

***

## אנשי שלומינו העלפן זיך ארויס לכבוד יום טוב

דער בית התבשיל דקרית ברסלב ליבערטי, אנגעפירט דורך האברך החשוב מו"ה שלמה יאקאבאוויטש הי"ו, איז שוין ברייט באקאנט מיט זייערע געוואלדיגע פעולות, צו געבן צו עסן פאר אידישע קינדער, ספעציעל לכבוד שבת ויום טוב. די פעולות פונעם בית התבשיל גייען ארויס פיל ווייטער פון די גרעניצן פון שטעטל, אין אלע געגענטער זענען אנשי שלומינו נהנה פונעם בית התבשיל, וואס שטעלט צו כסדר גרויסע חלוקות פון עסן, וואס העלפט גאר שטארק ארויס יעדן איינעם.

יעצט לכבוד יום טוב האט דער בית התבשיל באצאלט די גראסערי ארדערס אויף יום טוב פאר פילע אידן וואס נויטיגן זיך דערין, וואס פון איין זייט איז דאס די גרעסטע זאך, צו געבן עסן פאר אידישע קינדער, מוהרא"ש פלעגט זאגן אז ביים עסן קען מען נישט אפנארן קיין מענטשן, אז מ'געבט צו עסן פאר א איד איז דאס זיכער די גרעסטע מצוה פון צדקה, אבער פון די אנדערע זייט פארשטייט יעדער אז דאס קאסט אפ גרויסע געלטער, און פילע אידן ווילן האבן א שותפות אין די הייליגע צדקה.

אידישע קינדער רופן זיך אן זייער ווארעם און העלפן ארויס דעם בית התבשיל צו קענען ווייטער אנגיין מיט זייערע הייליגע ארבעט, ספעציעל יעצט צו קענען צושטעלן פאר אידן צו קענען אריינברענגען דעם יום טוב מיט שמחה און הרחבת הדעת. רופט אריין מיט אייער ברייטהארציגע נדבה אויף 718-306-2448.

**הלוא פרס לרעב לחמך!**

## יום טוב סוכות

**הערליכע דרשות, שיעורים, מעשיות פאר קינדער, און נאך; ווי אזוי אויסצונוצן דעם פריילכן יום טוב סוכות ווי מ'דארף:**

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1. 1. 9. 3**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עיצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידו"ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעסעפיס; און נאך**
845-351-9060 /212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com**/ טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**

< BreslevCenter.com >